15 ווערט אים פאַרגעלטן לויט זיינע מעשים; פון וועמען
אויך דו זאָלסט דיך אויסהיטן, ווארום ער האָט זיך
16 זער אַקייגנגעשטעלט אונזערע רייד. ביי מיין
ערשטער פאַרטיידיקונג איז קיינער נישט געשטאַ־
נען ביי מיר, נאָר אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט; זאָל
17 עס זיי נישט צוגערעכנט ווערן! דער האַר אָבער
איז געשטאַנען ביי מיר, און האָט מיך געשטאַרקט,
כדי די בשורה זאָל באַשטעטיקט ווערן דורך מיר,
און אַלע גוים זאָלן זי הערן; און איך בין ניצול
18 געוואָרן פון דעם לייבס מויל. דער האַר וועט מיך
מציל זיין פון יעדער מעשה רע, און מיך ראַטעווען
אין זיין מלכות שמים אַריין; צו אים זאָל זיין דער
כבוד לעלמי עולמים. אָמן.
19 גיב אָפּ שלום פּריסקאַן און אַקווילאַן און די (בני)
20 בית פון אָנעסיפאָרוס. עראַסטוס איז פאַרבליבן אין
קאָרינט; טראָפימוסן אָבער האָב איך איבערגעלאָזן
21 קראַנק אין מילעטוס. אייל דיך צו קומען פאַר דעם
ווינטער. עס געבן דיר אָפּ שלום עובולוס און
פודענס און לינוס און קלודיאַ און אַלע ברידער.
22 זאָל דער האַר זיין מיט דיין גייסט. דער חסד
מיט אייך.